# טאָוולקונסט ווי אַ שליסל
## צו דער ייִדישער חורבן־ליטעראַטור, 1943-1979[1]

דוד־הירש ראָסקעס / ניו־יאָרק

טאָוולקונסט איז ניט קיין זעלבשטענדיקער זשאַנער. צום אַלעם ערשטן איז זי באַשטעלטע, אַנגאַזשירטע קונסט. דער פֿאַרלאַג, דער מחבר, צי גאָר די לאַנדסלײַט פֿאָדערן פֿון קינסטלער: מאָל! מאָל מיר אַ טאָוול, קלײַב עפּעס אויס, טראַכט אויס אַ פּאַסיק געמעל, גיב דעם לייענער אַ שליסל צום בוך, אַ בילדערישן שליסל. שאַף ניט פֿאַר דער אייביקייט. פּאַס עפּעס צו אויף דער הייסער מינוט, וואָס זאָל דינען אַ באַשטימטער לייענערשאַפֿט. בײַ דער טאָוולקונסט זענען פֿאַראַן אַ סך שותּפֿים. אַחוץ דעם איז טאָוולקונסט אַ שידוך צווישן בילד און שפּראַך, איין קינסטלער און אַ צווייטן. זי רופֿט באַלד אַרויס די פֿראַגע: צי איז איינער געבליבן געטרײַ דעם אַנדערן, און דערויף דאַרף מען שוין זוכן אַן עטישן אָדער עסטעטישן ענטפֿער.

די טאָוולקונסט פֿון דער חורבן־ליטעראַטור אויף ייִדיש איז אַ באַזונדערס רײַכער פֿאָרשאָביעקט, אי כראָנאָלאָגיש, אי געאָגראַפֿיש; אי קוואַנטיטאַטיוו, אי קוואַליטאַטיוו. הייבן הייבט זי זיך אָן בײַם סאַמע אָנהייב פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, און נעמען נעמט זי אַרום כּל־תּפֿוצות־ייִדיש: דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, פּוילן, די אַמעריקאַנער און ענגלישע זאָנעס אין דײַטשלאַנד; איטאַליע, פֿראַנקרײַך, ענגלאַנד; צפֿון־ און דרום־אַמעריקע, אויסטראַליע, דרום־אַפֿריקע, און מדינת־ישׂראל. אין איר נעמען אָנטייל זייער חשובֿע, אַפֿילו וועלט באַרימטע, קינסטלערס.

אויך מעטאָדאָלאָגיש איז די טאָוולקונסט פֿון דער ייִדישער חורבן־ליטעראַטור אַ רײַכער פֿאָרשאָביעקט. אין דעם עסיי וועל איך פּרוּוון ענטפֿערן אויף עטלעכע פּרינציפּיעלע פֿראַגעס:

1. צי איז די איקאָנאָגראַפֿיע פֿון דער ייִדישער טאָוולקונסט אַנדערש ווי אויף אַנדערע שפּראַכן?
2. וואָס איז דער חילוק צווישן איקאָנישער און ניט־איקאָנישער טאָוולקונסט?
3. וואָס איז דער חילוק צווישן אַנגאַזשירטער קונסט און קיטש?
4. וואָס לערנט אונדז די טאָוולקונסט וועגן דעם גאַנג פֿון דער חורבן־ליטעראַטור?
5. צי האָט די *ייִדישע* טאָוולקונסט געשאַפֿן עפּעס נײַס?




**אַרן געפֿטער** – צו: פּרץ מאַרקיש, *פֿאַר פֿאָלק און היימלאַנד* (מאָסקווע 1943)

כאָטש זײַן נאָמען איז הײַנט שוין ניט באַקאַנט, איז אַרן געפֿטער (1894-1963) געווען איינער פֿון די פֿעיִקסטע פּאָליטישע קאַרטוניסטן און פּלאַקאַטן־קינסטלערס אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. זײַנע אַנטיקאַפּיטאַליסטישע און אַנטיפֿאַשיסטישע פּלאַקאַטן האָט מען בשעתו געדרוקט אין מיליאָנען עקזעמפּלאַרן, און זיי ווערן הײַנט רעפּראָדוצירט אין אַלע אַלבאָמען פֿון סאָוועטישער פּלאַקאַטן־קונסט. אין דער ייִדיש־סאָוועטישער קולטור איז געפֿטער באַוווּסט ווי דער הויפּט־קאַרטוניסט פֿונעם אַנטירעליגיעזן זשורנאַל, *דער אַפּיקוירעס* [אַפּיקורס] (1931-1937).

נאָכן גרויסן נצחון פֿון דער רויטער אַרמיי אין סטאַלינגראַד, אָנהייב 1943, רעפּאַטרייִרט מען דעם גאַנצן סאָוועטישן דרוקוועזן פֿון קויבישעוו צוריק קיין מאָסקווע, און עס גייען באַלד אַרויס וויכטיקע ווערק אויף ייִדיש; צווישן זיי, די מלחמה־לידער פֿונעם גרעסטן סאָוועטיש־ייִדישן פּאָעט, פּרץ מאַרקיש, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט בײַ אים פֿון 1940 אָן.

מיט איין איקאָן, פֿון דער רויטער פֿאָן, האָט זיך געפֿטערן אײַנגעגעבן אַרײַנצוציִען אי דעם מאַסן־לייענער, אי דעם מער באַהאַוונטן. מיט איין געמעל גיט געפֿטער איבער דעם פּאַטאָס און דעם פּאַטריאָטיזם פֿונעם נײַעם סאָוועטישן ייִד. ערשט עפֿענענדיק דעם באַנד וועלן מאַרקישעס לידער זאָגן עדות, ווי דער פּאָעט האָט פֿאַראייגנט אַ נײַע נאַציאָנאַלע פּאָעטיק.[2]

אמת, די רויטע פֿאָן פֿאָכעט פֿון לינקס אויף רעכטס, ניט ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ ייִדישער פֿאָן, אָבער די אותיות למד און קוף זעען אויס ווי אַ האַמער און סערפּ. דער נאָמען „פּערעצ מאַרקיש“, ווידער, איז געכּתיבֿהט גאָר מאָדערן

[1] הויפּטלעקציע געהאַלטן בײַ דער קאָנפֿערענץ „ייִדיש און דער חורבן: נײַע צוגאַנגען“, תּל־אָבֿיבֿער אוניווערסיטעט, דעם 26סטן יוני 2024.

[2] פֿ"גל: David G. Roskies and Naomi Diamant, *Holocaust Literature: A History and Guide* (Brandeis University Press, 2012), 34-35.

און באַנײַעריש: דער קוף שנײַדט דורך די שורה, עלעהיי אַ פֿאָנעלע. די אותיות זאָגן עדות, אַז פֿון איצטער אָן מעג דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿיגורירן אויבן אָן, ווי אַ גלײַכער שותּף מיט די אַנדערע סאָוועטישע פֿעלקער.

ניט געקוקט אויף אַלע אירע מעלות, בלײַבט עפּעס אינעם טאָוול ניט דערזאָגט. אַ רויטע פֿאָן, זאָל זײַן אַ פֿאָן מיט ייִדישע אותיות, איז ניט מער ווי אַ רויטע פֿאָן. זי שפּיגלט אָפּ נאָר די רויטע, העראָישע, זײַט פֿון מאַרקסישעס לידער, אָבער ניט די בלויע, טראַגישע זײַט.[3]



**אַרטור שיק** – צו: *לאָדזשער יזכּור־בוך* (נ״י 1943)

דער לאָדזש געבוירענער קינסטלער אַרטור שיק (1951-1894) האָט זיך באַזעצט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין 1940. פֿריִער האָט ער געלעבט דרײַ יאָר אין ענגלאַנד. כאָטש ער האָט מסתּמא גערעדט ענגליש מיט אַ פּוילישן אַקצענט, האָט ער זיך באַלד קונה־שם געווען ווי דער בעסטער אַנטיפֿאַשיסטישער קאַרטוניסט אין אַמעריקע. זײַנע קאַריקאַטורן פֿון היטלער, מוסאָליני און היראָהיטאָ האָבן זיך געדרוקט אין די חשובֿסטע אַמעריקאַנער־ענגלישע זשורנאַלן.

אין 1943, ווען די לאָדזשער לאַנדסמאַנשאַפֿט אין ניו־יאָרק איז סוף־כּל־סוף געווען גרייט אַרויסצוגעבן דאָס *לאָדזשער יזכּור־בוך*, נאָך דרײַ יאָר האָרעוואַניע און האַרצווייטיק, האָט זי זיך געוואָנדן צום באַוווּסטן לאַנדסמאַן אַרטור שיק, ער זאָל מאָלן דעם שער־בלאַט.[4]

דאָ דערקענט מען באַלד שיקס טאַלאַנט ווי אַן אַקטועלער, אַנגאַזשירטער קינסטלער. זײַן קונסט איז געבויט אויף צוויי עסטעטישע פּרינציפּן: (1) אַ היפּעררעאַליסטישער סטיל, אָנגעפּיקעוועט מיט היסטאָרישע און דעקאָראַטיווע פּרטים, און (2) דער אופֿן מאָלן פּנימער. די פּנימער קען מען באַלד דערקענען אַ דאַנק זייערע שטאַרק־עטנישע שטריכן.

סײַ די איקאָנישע, ד״ה, מענטשלעכע, סײַ די ניט־איקאָנישע אַספּעקטן פֿון שיקס טאָוולקונסט וואָלטן די לאָדזשער לאַנדסלײַט פֿאַרשטאַנען אויפֿן ווונק. דאָס שיפֿל איז די עמבלעם פֿון דער שטאָט לאָדזש, ווײַל אויף פּויליש מיינט „לאָדזש“ אַ שיפֿל. שיקס שיפֿל איז אָנגעלאָדן מיט קלאַפּער־געצײַג: מיט פֿיר וועסלעס (צוויי פֿון ביידע זײַטן), אַ מין זעגלבוים מיט אַ פֿאָן, און אַ רודער. אַזאַ שיפֿל קען אַריבערשווימען אַלע ימען. איבער דער עמבלעם זעען זיך אַרויס די מויערן פֿון עפּעס אַ פּאַלאַץ, אפֿשר פֿונעם פּאָזנאַנסקי־פּאַלאַץ, דעם סימבאָל פֿון לאָדזש ווי דער צענטער פֿון דער טעקסטיל־אינדוסטריע, און פֿון ייִדיש־קאַפּיטאַליסטישן כּוח.

צי וועט דאָס שיפֿל אַריבערשווימען דעם ים? ניין, צום באַדויערן, ווײַל אָט האָט אַ נאַצי־שווערד, מיט אַ קליינעם האַקנקרייץ אינעם הענטל, זיך אײַנגעשניטן אין דער עמבלעם, משמעות, ווײַל לאָדזש איז מער ניט לאָדזש: זי געהערט איצט צום רײַך און הייסן הייסט זי שוין „ליצמאַנשטאַט“. דערפֿאַר רינען טראָפּנס פֿון דער סאַבליע – אָדער טראָפּנס וואַסער, אָדער טרערן, אָדער טראָפּנס בלוט, וואָס פֿאַלן אויפֿן אונטערשטן טייל פֿון בילד.

אין אונטערשטן טייל באַווײַזט זיך די לאָדזשער געטאָ. פֿון וואַנען ווייסן מיר דאָס? ערשטנס, ווײַל דרײַ טראַגישע, עכט ייִדישע פּנימער קוקן אַראָפּ אין תּהום: אַן עלטערער ייִד מיט אַ באָרד און יאַרמלקע און אַן אָפּאַסקע אויפֿן אַרבל מיט אַ מגן־דוד, אַן אַלטע ייִדענע מיט אַ טיכל אויפֿן קאָפּ, און אַ קליין ייִנגל אין אַ פּויליש־ייִדישן קאַשקעט.[5] צווייטנס, ווײַל הינטער זיי, אויף לינקס, זעען זיך קוים אַרויס די געטאָ־מויערן.

די פּנימער שפּילן אַ וויכטיקע איקאָנאָגראַפֿישע ראָלע. ווילט איר, שטעלן זיי פֿאָר צוויי פֿאַרשיטענע דורות: אַ באָבע־זיידע און אַן אייניקל. ווילט איר, זענען זיי אַ פּאָרטרעט פֿון

---

[3] געפּטער האָט אויך געמאָלן דעם טאָוול צו לייזער וואָלפּס *די ברוינע בעסטיע: באַלאַדעס און סאַטירעס* (מאָסקווע 1943), אַ קאַריקאַטור פֿון היטלערן, ווו ער קריכט אַרויף אויף דער פּלייצע פֿונעם האַקנקרייץ, כּדי דער קרייץ זאָל אים אַריבערטראָגן איבערן ברוינעם פֿאַשיסטישן זומפּ.

[4] אינעם עקזעמפּלאַר וואָס דער ייִדישער ביכער־צענטער האָט דיגיטאַליזירט פֿון דער ניו־יאָרקער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק, איז דער שער־בלאַט ניטאָ, ווײַל עמעצער, זייער אַ טראַגישע פֿיגור, האָט זי אויסגעשניטן און פֿאַרקויפֿט.

[5] אין לאָדזשער געטאָ האָבן ייִדן געמוזט טראָגן אַ געלע לאַטע, פֿון פֿאָרנט און פֿון הינטן, בעת אין וואַרשעווער א״אַנד געטאָס האָבן זיי געמוזט טראָגן אַן אָפּאַסקע. שיק האָט דאָס משמעות ניט געוווּסט.

שיקס מאַמען, עווגעניע, וואָס זי איז אומגעקומען אין כעלמנאָ בעת דער גרויסער שפּערע פֿון סעפּטעמבער 1942, און דאָס ייִנגעלע איז זײַן ברודערל בערנאַרד, וואָס ער איז געשטאָרבן אין געטאָ אין מאַרץ 1943.[6] וואָס שייך דעם זיידן, איז ער אַ סימבאָל פֿון ישׂראל־סבא, צי אפֿשר פֿונעם נבֿיא יחזקאל, וואָס ער באַוויינט דעם חורבן.

שוין אין 1943, הייסט עס, און אין ווײַטן ניו־יאָרק האָט אַרטור שיק פֿאַרשטאַנען גענוי ווי צו שאַפֿן אַ געשפּאָלטענע און פֿאַרשוועכטע חורבן־לאַנדשאַפֿט. אַרום און אַרום גיט אונדז שיקס טאָוולקונסט דעם ערשטן סימן פֿון אַ ספּעציפֿיש ייִדישער חורבן־איקאָנאָגראַפֿיע.




**מאַרק שאַגאַל** – צו: *איציק פֿעפֿער, רויטאַרמייאיש* (נ״י 1943)

דעם 8טן יולי 1943 האָבן פֿופֿציק טויזנט אַמעריקאַנער ייִדן זיך פֿאַרזאַמלט אין די Polo Grounds אין ניו־יאָרק צו הערן די צוויי ייִדישע אַמבאַסאַדאָרן פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד: דעם וועלט באַרימטן ייִדישן אַקטיאָר שלמה מיכאָעלס און דעם ייִדישן פּאָעט איציק פֿעפֿער. די פּראָסאָוועטישע מאַניפֿעסטאַציע איז געווען די סאַמע וויכטיקסטע און גרעסטע פֿון צווישן די פֿיר לענדער ווו זיי האָבן גאַסטראָלירט במשך זיבן חדשים, און אין שײַכות דערמיט האָט דער קאָמוניסטישער איקוף־פֿאַרלאַג אַרויסגעגעבן פֿעפֿערס באַנד מלחמה־לידער, *רויטאַרמייאיש*, מיט דער טאָוול־קונסט פֿון זײַן גוטן־פֿרײַנד, מאַרק שאַגאַל (1985-1897), אַ פּליט אין אַמעריקע זינט 1941.

בײַ שאַגאַלן פֿאַרנעמען די געכתיבֿהטע ייִדישע אותיות דעם אויבנאָן. איטלעכער אות טראָגט אַן אַנדער כאַראַקטער, עלעהיי זיי טאַנצן אָדער מאַרשירן אין אַ געבראָכענער ריי. פֿון ריש גייט אַ רויך (זאָל דאָס זײַן אַ וואָרטשפּיל?), און די לעצטע דרײַ אותיות (זאָל דאָס זײַן בלויז אַ צופֿאַל?) לייגן אויס דאָס העברעיִשע וואָרט „איש/מענטש“. די רויטע אַרמיי – דאָס זענען די אותיות אַליין! דער איינציקער רעאַליסטישער עלעמענט איז די רויטע פֿאַרב.

שאַגאַלס מינימאַליזם וואַרפֿט זיך אין די אויגן אין פֿאַרגלײַך מיט שיקס מאַקסימאַליזם. אונטן, מיט אַ פּאָר שטריכן און פֿלעקן, מאָלט שאַגאַל ווי דאָס שטעטל ברענט, ווײַל אומעטום ווו דער דײַטש איז געווען האָט ער חרובֿ געמאַכט ייִדישע שטעט און שטעטלעך. אינעם טאָוול האָט זיך שאַגאַלן אײַנגעגעבן צו *פֿאַרהיימישן* פֿעפֿערס מיליטאַריסטישן טיטל – און דעם חורבן גופֿא.




**מאַרק שאַגאַל** – צו: *יזכּור־בוך צום אָנדענק פֿון 14 אומגעקומענע פּאַריזער ייִדישע שרײַבער* (פּאַריז 1946)

דעם חורבן האָט שאַגאַל איבערגעלעבט אין גלות אַמעריקע, און נאָך דעם ווי מ'האָט באַפֿרײַט פּאַריז האָט זיך אים שטאַרק געבענקט אַהיים. קיין װוּנדער ניט, וואָס ער האָט אָנגענומען די פֿאַרבעטונג צו מאָלן דעם דאָזיקן טאָוול צום אָנדענק פֿון 14 אומגעקומענע פּאַריזער ייִדישע שרײַבער. בעת שאַגאַלס אַנגאַזשירטער, פּאָליטיש כּשרער טאָוול פֿון 1943 איז געווען אין גאַנצן וועלטלעך, איז דער איצטיקער טאָוול פֿול מיט ייִדיש־רעליגיעזער סימבאָליק.

פֿון סאַמע פֿאָרנט זיצט אַ פֿרומער ייִד אין אַ של־ראָש און ער איז פֿאַרטיפֿט אין זײַן שרײַבן. לויטן של־ראָש, וואָס מענער טראָגן, געוויינטלעך, נאָר בײַם דאַווענען, און לויט דער פֿעדער (ד"ה, feather) אין דער האַנט, דערקענען מיר אַז דאָס איז ניט קיין שרײַבער, נאָר אַ סופֿר, כאָטש שרײַבן שרײַבט ער אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, און ניט אויף פּאַרמעט. ווײַל דאָס *יזכּור־בוך* איז פֿאַקטיש אַן אַנטאָלאָגיע פֿון אָפּגעראַטעוועטע

[6] See Artur Szyk (1894–1951): *Dziedzictwo Polsko-Żydowskiego Artysty* (Kraków: Stradomskie Centrum Dialogu, 2011), 94.

טאָגביכער, בריוו און כּתבֿ־ידן פֿון די אומגעקומענע ייִדישע שרײַבער, ווײַל שאַגאַל דערמיט זאָגן אַז זייער ליטעראַרישער עזבֿון איז *מיטהייליק*, און זייערע אָפּגעראַטעוועטע ווערק דאַרף מען באַטראַכטן ווי שיימעס.

איבערן קאָפּ פֿונעם סופֿר פֿליט אַ מלאך וואָס ער בלאָזט שופֿר. פֿון די געקרײַזלטע האָר דערקענען מיר אַז דער מלאך, דאָס איז שאַגאַל אַליין. זײַן בימקום־געשטאַלט באַווײַזט אויף ווי ווײַט דער קינסטלער אידענטיפֿיצירט זיך מיט זײַן שאַפֿונג. זאָל דאָס הייסן אַז ער בלאָזט דעם שופֿר־של־משיח? אָבער ווער זשע שווימט אַרום אין חלל צווישן דעם סופֿר און דעם מלאך? פֿון זײַנע אויסגעשטרעקטע הענט דערקענען מיר אַז דאָס איז ישו אויפֿן צלם; ישו, וואָס זינט 1938 איז ער געוואָרן פֿאַר שאַגאַלן דער סימבאָל פֿון קידוש־השם. אָט די דרײַ גײַסטיקע געשטאַלטן פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן: דער סופֿר, ישו, און דער מלאך. עפּעס זעט זיך אָבער אויף לינקס. אויף לינקס גייען נאַקעטע ייִדן אין גאַזקאַמער אַרײַן, און איבער זיי ברענט דער קוימען פֿון קרעמאַטאָריום, און איבערן רויך שטייט דאָס לשון־קודש־וואָרט: „יזכּור“.

ווי געווײנטלעך בײַ שאַגאַלן איז די קאַנווע פֿול מיט באַוועגונג. אַלץ באַוועגט זיך: דער מלאך בלאָזט שופֿר, ישו

צווישן די חורבֿות פֿון לאָדזשער געטאָ
האָט דער היסטאָריקער
נחמן בלומענטאַל (1902–1983)
געפֿונען צוויי פּאָעמעס פֿון איינעם
שׂימחה־בונעם שאַיעוויטש,
געשריבן אין געטאָ. די לידער האָט
בלומענטאַל צוגעגרייט צום דרוק, אָנגעשריבן
צו זיי אַ קורצע הקדמה און צוגעגעבן
צוויי בריוו פֿונעם פּאָעט וואָס
האָבן זיך אָפּגעפֿונען אינעם געטאָ־אַרכיוו.

שווימט אין חלל אַ געקרייציקטער, דער סופֿר איז פֿאַרטיפֿט אין זײַן שרײַבן; די ייִדן גייען אין גאַזקאַמער אַרײַן, זייערע גופֿים ווערן פֿאַרברענט, און דער קרעמאַטאָריום־רויך שווימט אין הימל אַרויף און דערגרייכט אַזש צום איין־און־איינציק וואָרט: „יזכּור“.

ווילט איר, איז דאָס אַ מאָדערניסטישער קאָלאַזש פֿון פֿאַרשיידן־מיניקע עלעמענטן. ווילט איר, איז דאָס דער אָנהייב פֿון אַ נײַעם, דינאַמישן סינטעז, וואָס ער הייסט: חורבן־איקאָנאָגראַפֿיע.




**ש. שאַיעוויטש** – צו: *לך־לך* (לאָדזש 1946)

צווישן די חורבֿות פֿון לאָדזשער געטאָ האָט דער היסטאָריקער נחמן בלומענטאַל (1983-1902) געפֿונען צוויי פּאָעמעס פֿון איינעם שׂימחה־בונעם שאַיעוויטש, געשריבן אין געטאָ. די לידער האָט בלומענטאַל צוגעגרייט צום דרוק, אָנגעשריבן צו זיי אַ קורצע הקדמה און צוגעגעבן צוויי בריוו פֿונעם פּאָעט וואָס האָבן זיך אָפּגעפֿונען אינעם געטאָ־אַרכיוו. לך־לך האָט געזאָלט זײַן דאָס ערשטע אין דער סעריע ליטעראַרישע שאַפֿונגען פֿון חורבן אַרויסגעגעבן פֿון דער צענטראַלער ייִדישער היסטאָרישער קאָמיסיע בײַם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון פּוילישע ייִדן. אויך דעם טאָוול האָט בלומענטאַל אַליין געשאַפֿן. דער טאָוול איז אַ שאַפֿונג פֿאַר זיך.

אויפֿן ערשטן בליק איז דאָס בילד פּשוט אַ מיטצײַטישער דאָקומענט. פּונקט ווי ייִדישע פּאָעטן און פּראָזאַיִקערס האָבן באַשריבן וואָס עס קומט פֿאָר אין געטאָ, אַזוי האָבן פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאָטאָגראַפֿן פֿאָטאָגראַפֿירט. אויפֿן צווייטן

בליק איז דאָס אַ פּערפֿעקטער שידוך צווישן בילד און שפּראַך, אילוסטראַטאָר און פּאָעט, איין קינסטלער און אַ צווייטן. דאָס טיטל־ליד, „לך־לך“, איז אַ מאָנאָלאָג פֿון אַ טאַטן מיט זײַן אַכטיאָריק מיידעלע, בלימעלע, ווו דער פּאָעט באַשרײַבט גענוי די זעלבע סיטואַציע וואָס מיר זעען אין דער פֿאָטאָגראַפֿיע: אַ מאַסן־גירוש פֿון געטאָ אין האַרבסט אָדער ווינטער, ווו גאַנצע משפּחות ווערן פֿאַרטריבן פֿון דער היים.

פֿון פֿאָרנט גייט אַ מאַמע, וואָס זי טראָגט מיט זיך איר גאַנצן האָב־און־גוטס, קליידער און בלעכלעך מיט עסנוואַרג, און דערבײַ גייט איר קליין קינד, וואָס סע טראָגט עפּעס אַ טיכל אין דער האַנט. זיי גייען צו פֿוס, בעת די וועגענער באַדינען עמעצן אַנדערש. ס׳איז ניטאָ ווער עס זאָל זיי העלפֿן. וווהין מע פֿירט זיי ווייסן זיי ניט. די פֿאָטאָגראַפֿיע האָט געקענט זײַן אַן אילוסטראַציע צום ליד.

ערשט אויפֿן דריטן בליק הייבט מען אָן צו פֿאַרשטיין וואָס בלומענטאַל איז דאָ אויסן געווען. צום טיטל האָט ער צוגעגעבן דרײַ פּינטעלעך *פֿאַרן* וואָרט „לך־לך“, און דרײַ פּינטעלעך *נאָכן* וואָרט. גראַפֿיש שטעלט דאָס דעם טיטל אַוועק אין סאַמע צענטער. מעטאַפֿאָריש, איקאָנאָגראַפֿיש, באַווײַזט ער עפּעס אין גאַנצן אַנדערש. די דרײַ פּינטעלעך באַטײַטן די לאַנג־פֿאַרגאַנגענע צײַט, דעם „לך־לך מארצך“ וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין ווײַטן, תּנכישן אַמאָל, און די לעצטע דרײַ באַצייכענען די אַל־צײַטיקייט. דער תּנכישער מיטאָס האָט פֿאָרויסגעזען דעם היטלער־חורבן. די מאַסן־גירושים פֿון געטאָ האָבן באַשטע־טיקט דעם אמת פֿון תּנך.

בלומענטאַל האָט אָבער צוגעגעבן נאָך עפּעס. צו די מאַנטלען פֿון דער מאַמען פֿון פֿאָרנט און פֿונעם מאַנצביל פֿון הינטן האָט בלומענטאַל צוגעגעבן געלע לאַטעס.

צי האָט בלומענטאַל, אַ פּיאָניר פֿון דער חורבן־פֿאָרשונג, געמעגט רעטור־שירן מענדל גראָסמאַנס אויטענטישע פֿאָטאָגראַפֿיע? צי שמעקט דאָס ניט מיט אידעאָלאָגישער פֿעלשונג? די רעטור־שירונג איז אַפֿילו זייער פּרימיטיוו. ווי קען מען פֿאַרענטפֿערן בלומענטאַלס הוספֿה?



**[מענדל גראָסמאַן]** – *די שפּערע אין לאָדזשער געטאָ*

בלומענטאַל איז דאָ אויסן געווען צו באַשטעטיקן דעם פּאָעטישן, ניט דעם היסטאָרישן, אמת פֿון שאַיעוויטשעס ליד: אַז אין לאָדזשער געטאָ האָט אַ טאַטע געמוזט לערנען די פּרשה „לך־לך“ מיט זײַן אַכטיאָריק מיידעלע, ווײַל דער מיטאָס פֿון ווײַטן אַמאָל איז ווידער געוואָרן אַקטועל. די געלע לאַטעס זענען נייטיק געווען איקאָנאָגראַפֿיש כּדי צו באַשטעטיקן אָט דעם אַלצײַטישן ייִדישן אמת.

נאָך דעם ווי בלומענטאַל האָט פֿאַרלאָזט פּוילן, אין איינעם מיט רחל אויערבאַך, ישעיה טרונק, פֿיליפּ פֿריד־מאַן, יוסף קערמיש א״אַנד נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע און אַנטיקאָמוניסטישע היסטאָריקערס, איז בער מאַרק (1908-1966) געוואָרן דער נײַער דירעקטאָר פֿון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט, און נאָך דעם ווי עס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט די ערשטע צוויי טיילן פֿון רינגעלבלום־אַרכיוו האָט מאַרק זיך ספּעציעל אָפּ־געגעבן מיטן ייִדיש־ליטעראַרישן עזבֿון פֿון אַרכיוו.

ווי אַ שותּף האָט מאַרק גענומען דעם פֿאַרלאַג ייִדיש־בוך, דעם איינ־און־איינציקן ייִדישן פֿאַרלאַג אין קאָ־מוניסטישן פּוילן, ווו לייב אָליצקי האָט געאַרבעט ווי אַ רעדאַקטאָר. אונטער שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען האָט דער פֿאַרלאַג זיך באַניצט מיט ביליקן פּאַפּיר, און האָט אויך אײַנגעשפּאָרט געלט מיט דער טאָוולקונסט. אַלע ביכער אין דער סעריע „ליטעראַרישע שאַפֿונגען אין די געטאָס און לאַגערן“ האָבן דעם זעלבן פּרימיטיוון טאָוול: אַ ברוינער מויער מיט שטעכלדראָט פֿון אויבן. מימעטיש באַצייכנט דער טאָוול די מויערן פֿון וואַרשעווער געטאָ. אידעאָלאָגיש איז דער טאָוול אַנטיסעמיטיש. די לייענער־

> אַ ברוינער מויער מיט שטעכלדראָט פֿון אויבן. מימעטיש באַצייכנט דער טאָוול די מויערן פֿון וואַרשעווער געטאָ. אידעאָלאָגיש איז דער טאָוול אַנטיסעמיטיש. די לייענערשאַפֿט דאַרף דערמיט פֿאַרשטיין אַז דאָס וואָס געפֿינט זיך צווישן די טאָוולען איז ניט נאָר אַן אָפּרוף אויפֿן גרעניגל פֿון לעבן און טויט אין די געטאָס, נאָר געהערט צום ברייטערן זשאַנער פֿון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

שאַפֿט דאַרף דערמיט פֿאַרשטיין אַז דאָס וואָס געפֿינט זיך צווישן די טאָוולען איז ניט נאָר אַן אָפּרוף אויפֿן געראַנגל פֿון לעבן און טויט אין די געטאָס, נאָר געהערט צום ברייטערן זשאַנער פֿון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. איקאָנאָגראַפֿיש זענען בלויז די פֿאַרבן. פֿון די ברוינע, ברודיקע געטאָ־מויערן שפּראָצט עפּעס גרינס, עפּעס שאַפֿערישס.




**לייב אָליצקי** – *צווישן לעבן און טויט* (וואַרשע 1955) [דער טיטל שטייט אויף אַ גרינעם הינטערגרונט – רעד']

ס'האָט סײַ ווי גאָר ניט געהאָלפֿן. די גאַנצע סעריע ביכער איז געפֿאַלן אַ קרבן פֿון דער קאַלטער מלחמה. צווישן דעם אויטענטישן געטאָ־אַרכיוו און דעם מערבֿדיקן ייִדיש־לייענער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַן אײַזערנער פֿאָרהאַנג.

די מימעטישע, ריין וועלטלעכע און פּראָלעטאַרישע טאָוולקונסט פֿון פֿאַרלאַג ייִדיש־בוך האָט פֿאַרמיאוסט די ליטעראַרישע שאַפֿונגען פֿון די געטאָס פֿאַר ס'רובֿ ייִדיש־לייענערס אין דער מערבֿ־וועלט. די הויך־עסטעטישע טאָוולקונסט פֿון לייב ראָכמאַנס מלחמה־טאָגבוך *און אין דײַן בלוט זאָלסטו לעבן* האָט געהאַט פּונקט די פֿאַרקערטע פּעולה.

דאָס בוך איז געדרוקט מיט האַרטע טאָוולען אויפֿן בעסטן פּאַפּיר, מיט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿונעם מחבר אויף זײַט 4. די ערשטע 100 עקזעמפּלאַרן זענען נומערירט און מן־הסתּם אונטערגעחתמעט פֿונעם קינסטלער, דעם ביאַליסטאָקער געבוירענעם סקולפּטאָר און מאָלער בען (1905-1989), וואָס איז דעמאָלט געווען אַ שם־דבֿר אין פּאַריז. אַרויסגעגעבן האָט דאָס בוך די פֿאַרלאַג־קאָמיסיע בײַ דער געזעלשאַפֿט „פֿרײַנט פֿון מינסק־מאַזאָוויעצק אין פּאַריז“, און יאַן שוואַרץ, אין זײַן בוך *Survivors and Exiles: Yiddish Culture after the Holocaust*, האָט ריכטיק באַשריבן ווי אַזוי ראָכמאַנס לאַנדסלײַט האָבן געמאַכט דערפֿון אַ מין יזכּור־בוך.

עס האָט טאַקע געלוינט אָנצושטעלן אַזאַ פּלאַסטישן, פּילזײַטיקן קינסטלער. ערשטנס, בענס פּאַליטרע: בען באַניצט זיך בלויז מיט דרײַ פֿאַרבן – ברוין, קרעמקאָליר און שוואַרץ. אויבן איז לייב ראָכמאַנס נאָמען געמאָלן קרעם־אויף־ברוין; אונטן שטייט דער לאַנגער טיטל, געמאָלן ברוין־אויף־קרעם. צווייטנס, דאָס וואָס בען באַניצט זיך בלויז מיט צוויי גראַפֿישע מאָטיוון: שפּיצן און קרײַזן. ועל־כּולם, ווי ער שפּילט זיך מיטן ייִדישן אַלף־בית. אונטן זענען די אותיות צוזאַמענגעקוועטשט אין אַ האַלבער ראָד, אָבער דרײַ למדס רײַסן זיך אַרויף: פֿון די ווערטער „בלוט“, „זאָלסטו“ און „לעבן“. דער ערשטער למד דערגרייכט אַזש ביזן קרײַז וואָס פֿאַרנעמט דעם צענטער פֿון טאָוול, און פֿונעם שפּיץ פֿון יענעם למד שטראַלן פֿונקען האָפֿענונג. די פֿונקען צעשטראַלן זיך פֿרײַ אין צענטער פֿון דער זון, וואָס זי באַשײַנט דעם גאַנצן טאָוול.




**בען [בן־ציון ראַבינאָוויטש]** – צו: *לייב ראָכמאַן, און אין דײַן בלוט זאָלסטו לעבן* (פּאַריז 1949)

פֿון וואַנעט נעמט זיך צום קינסטלער אַזאַ ליכטיקע סימבאָלישע איקאָנאָגראַפֿיע, בעת דער תּוכן פֿון טאָגבוך איז אַזוי גרויליק? זי נעמט זיך פֿון דער ערשטער זײַט. די זעקס ייִדישע ווערטער צוזאַמענגעקוועטשט אין אַ האַלבראָד, דאָס זענען לייב און די פֿיר ייִדן וואָס וועלן זיך אויסבאַהאַלטן – פּונקט אַזוי צוזאַמענגעקוועטשט – במשך צוויי יאָר הינטער אַ וואַנט בײַ אַ פּוילישער פּויערטע. זיי שטייען אַקסל צו אַקסל, איינער לעבן צווייטן, „מיט שטײַפֿע אַקסלען און אַראָפּגעלאָזטע הענט, ווי אַ ריי סאָלדאַטן“ (ז' 7). זיי שטייען אין דער פֿינצטער און קענען ניט זען איינער דעם אַנדערן. נאָר לייב עקשנט זיך אײַן, און זוכט אויס אַ שפּאַרעלע, וואָס דורך איר געפֿינט ער אויס אַ ליכט־פּינטעלע אין הימל, אַ גרוס פֿון דער זון.

פֿון אָט דער כּמעט אוממענטשלעכער סיטואַציע האָט בען געשאַפֿן אַ טאָוול, פֿול מיט פֿאַרבן, שפּיצן, קרײַזן און ייִדישע אותיות. פֿאַר די לאַנדסלײַט איז

לייב ראַכמאַן געווען דער לעצטער עדות פֿון חורבן מינסק־מאַזאָוויעצק. פֿאַרן קינסטלער האָט זײַן טאָגבוך אָפּגעגעבן אַ גרוס פֿון דער זון.




**אליעזר וויזל** – *...און די וועלט האָט געשוויגן* (בוענאָס־אײַרעס 1956)

איטלעכער פֿון די 175 בענד אין דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום“ וואָס איז אַרויס אין בוענאָס־אײַרעס פֿון זינט 1946 אונטער דער ענערגישער רעדאַקציע פֿון מאַרק טורקאָוו האָט געהאַט אַ באַזונדערן פֿאַפּירענעם טאָוול. מן־הסתּם האָט טורקאָוו באַשטעלט טאָוולען בײַ אַ צאָל קאָמערציעלע ייִדישע אַרגענטינער קינסטלערס, ווײַל דער סטיל פֿון די טאָוולען איז זייער פֿאַרשיידן. דאָס אַליין באַווײַזט אויף ווי ווײַט די חורבן־ליטעראַטור איז געוואָרן נאָרמאַליזירט, פּאָפּולאַריזירט און שטאַרק פֿאַרצווײַגט. „דאָס פּוילישע ייִדנטום“ האָט געדינט ווי אַ מין ייִדישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק, וווּ אַלע פּאָר חדשים האָבן די אַבאָנענטן, פֿאַרשפּרייט איבער דער גאָרער ייִדיש־וועלט, געקענט באַשטעלן אַ נײַעם באַנד, צי זאָל דאָס זײַן אַן איבערדרוק פֿון אַ קלאַסיש ווערק, ווי יהושע פּערלעס *ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר*, צי אַ נײַ ווערק וועגן לעצטן חורבן פֿון מרדכי שטריגלער, יאָנאַס טורקאָוו, חיים גראַדע א״אַנד.

צו דער לעצטער קאַטעגאָריע געהערט אליעזר וויזלס רעפּאָרטאַזש *...און די וועלט האָט געשוויגן*. וויזל איז געווען דער ייִנגסטער ייִדישער שרײַבער אין דער סעריע, און זײַן רעפּאָרטאַזש האָט ספּעציעל אויסגענומען בײַ טורקאָוון, ווײַל וועגן דעם גורל פֿון אונגערישע ייִדן, די לעצטע קרבנות, האָט מען נאָך ווייניק געשריבן אויף ייִדיש. ווי באַלד דער טאָוול איז אַ מוסטער פֿון דורכשניטלעכער, קאָמערציעלער טאָוול־קונסט, איז באַזונדערס אינטערעסאַנט די איקאָנאָגראַפֿיע פֿון אַ נאַצי־לאַגער.

צוויי דײַטשישע סאָלדאַטן מיט באַגנעטן באַוואַכן דעם לאַגער, וואָס באַשטייט פֿון אַ שטעכלדראָט, און צוויי באַראַקן וואָס פֿון זייערע קוימענס גייט אַ רויך. אפֿשר קען איינער פֿון זיי זײַן אַ קרעמאַטאָריום. דער איינציקער אָנ־ווונק דערויף איז וואָס דער הימל איז רויטלעך. ניטאָ דאָ עפּעס וואָס זאָל אָפּשרעקן דעם לייענער: ניטאָ קיין הינט, קיין רעלסן, קיין וואַכטורעמס. ניטאָ די אַרקע מיט „אַרבײַט מאַכט פֿרײַ“. גענוג דער לייענער זאָל וויסן אַז דער מחבר האָט זיך באַפֿרײַט פֿון אַ לאַגער. דער טיטל זאָגט עדות, אַז ער פּראָטעסטירט קעגן דער גלײַכגילטיקייט פֿון דער וועלט. הייסט עס: זייער אַן אַנגאַזשירט ווערק פֿון דער אַלץ וואַקסנדיקער און אַרומנעמיקער ליטעראַטור וועגן חורבן.

**ווילנדיק, ניט־ווילנדיק, קומען מיר צום אויספֿיר אַז דער גאַנצער באַשטעלטער, ריין קאָמערציעלער טאָוול איז אַ מוסטער פֿון חורבן־קיטש. דער היפּעראיקאָנאָגראַפֿישער טאָוול באַווײַזט ווי דער חורבן האָט אָפּגעשטעלט דעם שאַפֿערישן פּראָצעס פֿון דער ייִדישער קולטור און זי אָפּגעקערעוועט אויף צוריק.**




**אַהרן צייטלין** – *לידער פֿון חורבן און לידער פֿון גלויבן*, ב׳ 1 (נ״י 1967)

דער לעצטער ייִדיש־געזעלשאַפֿט־לעכער אינסטאַנץ וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיטן אַרויסגעבן און פֿאַרשפּרייטן די נײַע חורבן־ליטעראַטור אויף ייִדיש איז געווען דער וועלטפֿאַרבאַנד פֿון די בערגען־בעלזענער. אויף וויפֿל איך ווייס, האָט דער פֿאַרבאַנד פּרעמירט דרײַ פּאָעטן און איטלעכן אַרויסגעגעבן זײַנע חורבן־לידער אין דער א״ג „יזכּור־פּרײַז“־ביבליאָטעק: יעקבֿ גלאַטשטיין, אַבֿרהם סוצקעווער און אַהרן צייטלין. די בערגען־בעלזענער האָבן ניט געשפּאָרט דערבײַ קיין מי און קיין רעסורסן, און דערלויבט איטלעכן פּאָעט צו באַשטעלן די טאָוולקונסט. סוצקעווערס

באַנד, *לידער פֿון ים־המוות* (1968), איז באַזונדערס שיין אַרויס, און די צוויי בענד פֿון צייטלינס *לידער פֿון חורבן און לידער פֿון גלויבן* – באַזונדערס אומגעלומפּערט.

דער טאָוול איז אַ דענקמאָל נאָך צייטלינס טאַטן, הלל צייטלין (1872-1942), איינער פֿון די וויכטיקסטע מיסטיקערס און וויזיאָנערן פֿון פּוילישן ייִדנטום. זײַן הדרת־פּנים קוקט אַרויס פֿון טאָוול דירעקט צום לייענער. דער טאַטע טראָגט אַ לאַנגע ווײַסע באָרד, ווי ער האָט טאַקע אויסגעזען אויף די עלטערע יאָרן. אונטער אים גייען אַ מאַסע ייִדן מיט געבויגענע קעפּ, אַחוץ איינעם וואָס ער גייט פֿאָרויס אָנגעטאָן אין טלית־און־תּפֿילין. איטלעכער ייִדיש־לייענער דערקענט ווער דאָס איז, כאָטש זען זעט ער אויס ווי סתּם אַ פֿרומער ייִד: דאָס גייט טאַקע הלל צייטלין אַליין צום אומשלאַגפּלאַץ אָנגעטאָן אין טלית־און־תּפֿילין, וויסנדיק אַז ער גייט אויף קידוש־השם.

צייטלין אַליין האָט ניט געשפּאָרט קיין מי בײַם צוגרייטן די צוויי בענד, ווײַל ער האָט אין זיי אַרײַנגענומען אַלע זײַנע לידער און פּאָעמעס, ניט נאָר די לידער מיט אַ דירעקט שײַכות צום חורבן, אַ גרויסן טייל באַאַרבעט פֿון דאָס נײַ, און אַפֿילו צוגעגעבן גלאָסאַרן. אויב אַזוי, רופֿט דער טאָוול אַרויס נאָך אַ גרעסערן חידוש. צוליב וואָס באַגלייטן אַ כּוללדיקן באַנד פֿון פֿאַרשיידענע לידער מיט אַ טאָפּעלן אימאַזש דווקא פֿונעם טאַטן, סײַדן איינער זאָל זײַן אַן איקאָן פֿון „גלויבן“ און דער צווייטער – פֿון „חורבן“? ווילנדיק, ניט־ווילנדיק, קומען מיר צום אויספֿיר אַז דער גאַנצער באַשטעלטער, ריין קאָמערציעלער טאָוול איז אַ מוסטער פֿון חורבן־קיטש.

דער היפּעראיקאָנאָגראַפֿישער טאָוול באַווײַזט ווי דער חורבן האָט אָפּגעשטעלט דעם שאַפֿערישן פּראָצעס פֿון דער ייִדישער קולטור און זי אָפּגעקערעוועט אויף צוריק. אָט ווי עס האָט אויסגעזען דער טאָוול פֿון אַהרן צייטלינס אַ באַנד עקספּרעסיאָניסטישע לידער אין דער בלי־תּקופֿה פֿון ייִדישן מאָדערניזם:




**אַהרן צייטלין** – *שאָטנס אויפֿן שניי* (וואַרשע 1923)

אויף רעכטס שטייט דער אייביקער קרומער לאַמטערן פֿון דער אייראָפּעיִשער גרויסשטאָט, און אויף לינקס, עפּעס אַ ייִדיש הײַזל, עלעהיי דער לאַמטערן, ניט די לבֿנה, וואַרפֿט „שאָטנס אויפֿן שניי“. דער חורבן האָט משמעות אָפּגעווישט אַלע פֿרעמדע שפּורן און השפּעות, און אויסגעגלײַכט אַלע פּאָלוסן. עס איז געבליבן בלויז חורבן־און־גלויבן, געקניפּט און געבונדן ווי אין אַ נײַעם מין מוסר־ספֿר.

בעת בײַ אַלע קינסטלערס ביז אַהער איז די טאָוולקונסט וועגן חורבן געווען באַשטעלטע קונסט, איז פֿאַראַן בלויז איין קינסטלער וואָס דער חורבן איז דער מהות פֿון זײַן גאַנצער קונסט: שמואל באַק (געבוירן 1933), דאָס וווּנדערקינד פֿון ווילנער געטאָ, וואָס אַבֿרהם סוצקעווער האָט זיך באַקענט מיט אים צו זײַנע נײַן יאָר, און האָט אים שפּעטער פֿאַראייביקט אינעם געטאָ־רעפּאָרטאַזש, *פֿון ווילנער געטאָ*.

„די ערשטע נאַכט אין געטאָ“, לייענט זיך סוצקעווערס טיטלליד, „איז ווי די ערשטע נאַכט אין קבֿר“. דאָס שטימט מיט באַקס געמעל, ווו אַלץ איז פֿאַרשטיינערט: די ברוקירטע גאַסן הייבן זיך, עלעהיי ווי כוואַליעס, וואָס וועלן פֿאַרפֿלייצן די שטאָט פֿון אונטן, בעת פֿון אויבן גייט אַ רויך, וואָס זעט אויס ווי אַ ריזיקער שטיינערנער וואָלקן. דער וואָלקן זעט אויס צו זײַן דער היפּוך פֿונעם עמוד־האש וואָס האָט אַרויסגעפֿירט די ייִדן פֿון מצרים. אַנטקעגן איבער, אויף אַ צווייטן מויער, ליגט נאָך אַ שטיין, און ביידע שטיינער דריקן אַזוי שטאַרק אַז די מויערן וועלן אַוודאי קראַכן אונטערן דרוק – אונטערן דרוק פֿון ייִדישן היסטאָרישן גורל.




**שמואל באַק** – צו: אַבֿרהם סוצקעווער, *די ערשטע נאַכט אין געטאָ* (ת"אָ 1978)

סוצקעווער האָט געוואַרט לאַנגע יאָרן ביז וואַנעט ער האָט אָפּגעדרוקט די אָ לידער פֿון געטאָ און וואַלד, לידער פֿון צער און צאָרן. בײַ קיין שום אַנדערן קינסטלער האָט ער ניט געקענט געפֿינען די פּאַסיקע חורבן־איקאָנאָגראַפֿיע, וואָס זאָל זײַן אי מימעטיש, אי מעטאַפֿאָריש; אי אַ נײַער אָנהייב, אי דער אַפּאָקאַליפּטישער סוף. דאָס ביכל איז אַ קליינס. דאָס בילד איז אַ בלײַביקס.




**יאָני פֿײַן** – צו: אַבֿרהם סוצקעווער, *דאָרטן ווּ עס נעכטיקן די שטערן* (ת"אָ 1979)

סוצקעווער האָט באַנײַט די ייִדישע חורבן־ליטעראַטור סײַ פֿון אינעווייניק, סײַ פֿון דרויסן. פֿון לירישער און עפּישער פּאָעזיע איז ער אַריבער צו לידער אין פּראָזע, און פֿון לידער אין פּראָזע איז ער אַריבער צו אייגן־מיניקע פֿאַנטאַסטיש־מיטאָפּאָעטישע נאָוועלעס. איטלעכע נאָוועלע איז געבויט אַרום אַ גורלדיקער טרעפֿונג (אָדער סעריע טרעפֿונגען) צווישן געשטאַלטן פֿון דער וועלט מיט געשטאַלטן פֿון יענער וועלט. אויף אויסצושטאַלטיקן די פֿאַנטאַסטיש־האַלב־רעאַליסטישע פּלעיאַדע, האָט סוצקעווער געבעטן זײַן חבֿר יאָני פֿײַן (1913-2013) צו מאָלן פּאַסיקע געמעלן.

אויפֿן טאָוול שטייט איינע אַזאַ צייכענונג, כּלומרשט געמאַכט אויף דער הייסער מינוט, פֿון אַ פֿרומען ייִד מיט אַ הויקער און מיט אַ שופֿר אין דער לינקער האַנט. איין פֿוס איז בײַ אים געמאָלן שוואַרץ און איינער ווײַס. ער טראָגט עפּעס אַ געשטרײַפֿטן כאַלאַט, עלעהיי אַ חסיד בײַם כּותל־מערבֿי, צי אַ משיח־געשטאַלט בײַ די טויערן פֿון רוים. (הייסן הייסט ער „דער הויקער כעמע“.) פֿײַנס סטיל איז אַ פּראָוויזאָרישער, כּלומרשט ניט מער ווי אַ סקיצע. אָט איז דער הויקער דאָ. אָט איז ער ניטאָ. סטאַביל זענען בלויז די ברוינע, געדרוקטע פֿירקאַנטיקע אותיות וואָס שטערן דעם געמעל, און נעמען אים איבער.

צוזאַמען שאַפֿט די טאָוולקונסט אַ נײַעם סינטעז פֿון מאָדערניסטישער פּראָזע און צייכענונגען פֿאַר דערוואַקסענע לייענערס. דאָס איז לחלוטין נײַ. ביז אַרט שפּיגעלמאַנס „מויז“ וועט נאָך געדויערן זיבן יאָר.

## וואָס לערנט אונדז די טאָוולקונסט וועגן דעם גאַנג פֿון דער חורבן־ליטעראַטור?

(1) זי לערנט אונדז עפּעס וועגן זשאַנער. עס איז גאָר ניט קיין צופֿאַל וואָס אַ העלפֿט פֿון די ווערק וואָס זענען באַגלייט מיט טאָוולקונסט זענען פּאָעטישע ווערק: פּרץ מאַרקיש, לייזער וואָלף, איציק פֿעפֿער, שׂימחה־בונעם שאַיעוויטש, אַהרן צייטלין און אַבֿרהם סוצקעווער. די חורבן־ליטעראַטור האָט זיך אָנגעהויבן מיט פּאָעזיע, און אויף ייִדיש איז פּאָעזיע געבליבן דער וויכטיקסטער זשאַנער. די בערגען־בעלזענער האָבן דאָס ריכטיק פֿאַרשטאַנען.

(2) זי לערנט אונדז עפּעס וועגן פּעריאָדיזאַציע. כּל־זמן די מלחמה איז געווען אין גאַנג, האָט די טאָוולקונסט אָפּגעשפּיגלט דעם בשותּפֿותדיקן גורל פֿון אַלע. די שטאָט לאָדזש איז אָקופּירט. די געטאָ שטייט באַזונדער. אָבער נאָך דער באַפֿרײַונג ווערט די חורבן־ליטעראַטור אויף ייִדיש אין גאַנצן זעלבשטענדיק. דאָס זעט מען צום בולטסטן בײַ מאַרק שאַגאַלן צווישן 1943 און 1946.

(3) טאָוולקונסט איז פּאָליטישע קונסט. אַהרן צייטלינס קידוש־השם־פּאָליטיק איז פּונקט אַזוי פּאָליטיש ווי אליעזר וויזלס און־די־וועלט־האָט־געשוויגן־פּאָליטיק, וואָס איז פּונקט אַזוי פּאָליטיש ווי אַרן געפּטערס סאָוועטיש־היימלאַנד־פּאָליטיק. די טאָוולקונסט איז דער פּאָליטישער פּינקס פֿונעם קאָלעקטיוון זכּרון.

## צי האָט די ייִדישע טאָוולקונסט געשאַפֿן עפּעס נײַס?

1. דער אַלף־בית, די ייִדישע אותיות, ווי מיר האָבן געזען בײַ געפּטערן, שאַגאַלן און בענען, שפּילן זייער אַ וויכטיקע איקאָנאָגראַפֿישע ראָלע. צי זאָל דאָס זײַן דערפֿאַר ווײַל די ייִדישע שפּראַך איז דאָ דער בימקום פֿאַרן פֿאָלק, און ביידע צוזאַמען זענען געפֿאַלן אַ קרבן פֿונעם רוצח? צי גאָר דערפֿאַר וואָס די עשׂרת־הדיברות זענען אויך ניט מער ווי ייִדישע אותיות? אַזוי צי אַזוי, פֿאַרמעסט זיך די ייִדישע טאָוולקונסט פֿון חורבן אויף דער געטלעכקייט.

2. די ייִדישע טאָוולקונסט האָט געהאָלפֿן לאָקאַליזירן, פֿאַרהיימישן, און פֿאַראייגענען דעם חורבן. אַ דאַנק

<<<55<<<

‹‹‹10‹‹‹

## אָלניאַנסקי

אַרויס נײַע פּרעכטיקע ביכער פֿון מיכאל פֿעלזענבאַום, דזש. ר. ר. טאָלקין, וואָלף בולבאַ און אַנדערע. די צוקונפֿט זעט אויס ליכטיק פֿאַרן פֿאַרלאַג אָלניאַנסקי־טעקסט און מירצעשעם אויך פֿאַר דער ייִדיש־באַוועגונג אין שוועדן.

ניקאָלײַ אָלניאַנסקי איז אַ שרײַבער פֿון מעשׂיות, אַן איבערזעצער פֿון דער שוועדישער ליטעראַטור אויף ייִדיש און דער מיטגרינדער און דער אָנפֿירער פֿונעם פֿאַרלאַג „אָלניאַנסקי־טעקסט“. אַ מיט־גליד פֿון דער רעדקאָלעגיע פֿונעם זשורנאַל *ייִדישלאַנד* און דער איצטיקער אָנפֿירער פֿון דעם מסורתי־מנין אין מאַלמע. אַ געבוירענער אין 1983 אין לונד, שוועדן, האָט ער זיך געלערנט אינעם לונדער אוניווערסיטעט. ער אַרבעט ווי אַ גימנאַזיע־לערער פֿאַר יוגנט מיט ספּעציעלע באַדערפֿענישן, און וווינט הינטער מאַלמע מיט זײַן ווײַב איטקע און זייערע דרײַ קינדער אלי, זעלדע און מרים.

‹‹‹42‹‹‹

## ראָסקעס

דער איקאָנאָגראַפֿיע האָט מען געקענט דערקענען, אַז דער חורבן איז ניט פֿאָרגעקומען ערגעץ אויף אַן אַנדער פּלאַנעט. די רויטע פֿאָן פֿאָכעט אין אַ ספּעציפֿיש לאַנד. אויפֿן טאָוול זעט זיך אַ געטאָ, אַ מויער, אַ לאַגער, אַ שטאָט, אַ שטעטל, דאָס וואָרט „יזכּור“. דער טאָוול איז אַ דענקמאָל נאָך אַ מאַמען, אַ ברודערל, אַ טאַטן, די לאַנדסלײַט. זאָל דאָס ווערק אַפּילו הייסן *דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן*, פֿיגורירט אויפֿן טאָוול אַ הויקער מיט אַ שופֿר אין דער האַנט.

3. דערפֿאַר פֿאָדערט די טאָוולקונסט אַ היפּש ביסל לאַנד־קענטעניש. אַחוץ עבֿרי דאַרף מען קענען אַנדערע תּחומען אויך. צו יעדן שלאָס איז פֿאַראַן אַן אַנדער שליסל.

דוד־הירש ראָסקעס איז דער מיטגרינדער פֿון יוגנטרוף (1964), פֿונעם וויסנשאַפֿט־לעכן זשורנאַל *Prooftexts* (1981), און דער איניציאַטאָר פֿון *אין גוועוב* (2009). במשך אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט ער געלערנט ייִדישע ליטעראַטור און חורבן־ליטעראַטור אין ניו־יאָרק, מאָסקווע, פּעטערבורג, אָקספֿאָרד, תּל־אָבֿיבֿ, באר־שבֿע און ירושלים. זײַן גאַנצער אַרכיוו און אָנגעזאַמלטע לערן־מאַטעריאַלן געפֿינען זיך אויף דער וועבזײַט א"ט All Things Yiddish:

https://archive.yiddish.nu

‹‹‹43‹‹‹

## ניבאָרסקי

וואָרטשפּילן. אין יעדן שמועס, פּערזענלעך צי טעלעפֿאָניש, פֿלעגט זי זיך אַרײַנלאָזן אין לאַנגע טיראַדעס מיט געקייטלטע אידיאָמען און אימפּראָוויזירטע שפּילערײַען, און טאָמער האָב איך אַ מאָל געפּרוּווט מקצר זײַן, האָט זי זיך פֿאַרענטפֿערט: אַז מיר וועלן שוין נישט זײַן, ווער וועט באַלעבן אָט די אַלע פּערל פֿון ייִדישן דיבור?

אסתּר ראָזשאַנסקיס חוש פֿאַר די חנען פֿון אַ שפּראַך האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז צו ייִדיש. מיר האָבן קיין מאָל נישט געשמועסט אויף עבֿרית, נאָר זי האָט אויך – אויף וויפֿל איך האָב געקענט אָפּשאַצן – אויף דער שפּראַך פֿון אירע אייניקלעך און אוראייניקלעך פֿאַרמאָגט אַן אָפֿן אויער און אַן אויפֿגעבונדענע צונג פֿאַר אַלץ וואָס איז אײַנפֿאַלעריש, שאַרף און געשליפֿן.

פֿון דער קראַנקייט וואָס האָט זי לאַנג געמאַטערט און לסוף זי בײַגעקומען האָט אסתּר נישט געמאַכט קיין סוד, נאָר קיין ענין אויף צו שמועסן לענגער האָט זי דערפֿון אַוודאי נישט געמאַכט. זי האָט עס אָפּגעפּטרט מיט אַ וויץ און ליבערשט זיך נאָכגעפֿרעגט אויף יענעמס עסקים און שטימונגען, אָדער דערציילט מיט אַלע פּרטים אַנעקדאָטן פֿון אירע קליינע נאָכקומערס, פֿון וועמען זי האָט זיך דערמאָנט אַלע חכמות און זיך מיט זיי פֿאָסמאַקעוועט.

ווער עס האָט געקענט אסתּר ראָזשאַנסקין וועט געוויס געדענקען איר אייגנמיניקע פּערזענלעכקייט, איר געטרײַשאַפֿט צו ייִדיש, אירע לערערישע אויפֿטוען. און איך וויל גלייבן אַז צווישן אירע פֿיל געוועזענע תּלמידים געפֿינען זיך גענוג אַזעלכע, וואָס לאָזן ווײַטער לײַכטן די שײַנען פֿון ייִדיש, און דערמיט פֿרעגן זיי אָפּ יענע מורא אירע, אַז נאָך אונדז וועט שוין נישט זײַן ווער עס זאָל זיי אָנצינדן.

יצחק ניבאָרסקי איז געבוירן געוואָרן אין בוענאָס־אײַרעס, ווו ער האָט געענדיקט אַ ייִדיש־וועלטלעכע טאָגשול און דעם ייִדיש־העברעיִשן לערער־סעמינאַר בײַ דער דאָרטיקער קהילה. פֿון 1979 אָן וווינט ער אין פּאַריז, ווו ער איז כּסדר געווען באַשעפֿטיקט ווי אַ ייִדיש־לערער און אַ פֿרײַוויליקער טוער אין פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק. ער האָט זיך באַטייליקט אין צונויפֿשטעלן האַנטביכער פֿאַרן ייִדיש־לימוד און ווערטערביכער, ספּעציעל דאָס ייִדיש־פֿראַנצייזישע און דאָס פֿון די לשון־קודש־אָפּשטאַמיקע ווערטער אין ייִדיש.